ב"ה

# ~~מלב אל לב~~

# ומלתם את ערלת לבבכם

## אן אפענע דורכשמועס מיט אחינו בני ישראל

די איינגערינגלטע נומערן **(0)** אינעם בריוו באצוען זיך צום חלק ב' פונעם בריוו מיטן נאמען ***"מענה אל לב"***

אין די יעצטיגע טעג ווערט **פראקלאמירט א קאמפיין** אויפצובויען א געגנט [הילקרעסט], **סמוך ונראה** צו שיכון סקווירא.

**[עס וואלט געווען כדאי צו וויסן פונקטליך דעם שיעור פון סמוך ונראה, ווייל מיר האבן א שטיקל פראגע אויף דעם, וואו עס וועט שפעטער ערקלערט ווערן]**

אויבנאויף קען די יעצטיגע קאמפיין אויסקוקן ווי א לעגיטימע קאמפיין אויפצובויען א **בית-המדרש** לתורה ולתפילה אין א נייעם חרדיישן יישוב, א צוועק וואס רעדט צום הארץ פון אחינו בני ישראל די בכל אתר ואתר, וואס פרייען זיך צו זען די וואוקס און אויפבליה פון נאך אן אידישן ישוב לשם ולתפארת.

**[אמת טאקע. ב"ה פאר דעם]**

**לתועלת הציבור**, איז געוויס נויטיג ארויסצוהאבן דאס פולקאמע און **אמת'דיגע בילד**

**[יא יא, טאקע דעם גאנצן, פולקאמען און אמת'ן בילד, נישט נאר די טיילן וועלכע איר ווילט זיי זאלן זעהן]**

און זען די ריכטיגע פאקטן:

**[אוודאי אזוי, נאר ריכטיגע, נישט חלילה קיין פארדרייטע, און דאס ווילן מיר טאקע דא פארזיכערן:]**

**א]** כידוע לכל, איז דאס שטעטל **"שיכון סקווירא"** געבויט געווארן מיט בלוט און שווייס דורך כ"ק מרן אדמו"ר מסקווירא זצוקללה"ה, מיטן איינעם ציל אויפצוהאדעווען ריינע דורות ישרים אין אן אפגעזונדערטן באשיידענעם ארט.

**[און מיט נאך א ציהל, צוריק אויפצושטעלן מורשת בית אבותיו – וועלכע איז ל"ע גענצליך חרוב געווארן אין די יארן פון דעם ערשטן וועלט מלחמה, ביז נאך דעם צווייטן וועלט מלחמה – און משפיע זיין אויף אידישע קינדער מאור תורתו הקדושה, אזוי ווי זיינע הייליגע עלטערן האבן געטון]**

ומחשבתו הקי' ניכרת מתוך מעשיו, אזויווי אלע עלטערע יונגעלייט דערציילן וויפיל מרן רבינו זצ"ל האט פרובירט צו האלטן די תלמידים ווי מער צווישן די שטעטל ווענט, **אפגעשיידט און אפגעזונדערט** אין א ריינע השפעה, צו קענען אויפשטעלן ערליכע דורות כאוות נפשו הטהורה .

**אויף ווי ווייט דער רבי זצ"ל האט בדייקא באגערט אז דאס שטעטעלע זאל זיין אן אפגעזונדערט אייגן מקום, דארף מען נישט מער ווי א קוק טון אויפן באשיינפערליכן מציאות באותן השנים:** ווען רבינו זצ"ל האט זיך אנגעהויבן ארייננטון אינעם בויען דעם שיכון צו "אנטלויפן פון שטאט" כלשו"ק, האבן די חשוב'ע עסקנים געברענגט פאר אים כל-מיני אויסוואלן פון **שוין-עקזיסטירנדע אידישע ישובים** אינדרויסן פון שטאט

**[סתם למען האינטערעסאנטקייט וואלט געווען כדאי צו וויסן פון וואס מען רעדט דא, ווייל אויסער מאנסי און לעיקוואוד איז נאך דעמאלס נישט געווען קיין שום אנדערע ישובים]**

צו וואו אהין מ'קען זיך ארויסציען. צווישן די זענען געווען גאר געלונגענע אפציעס פון ערטער וואס האבן זיך שוין געהאלטן טיף אינמיטן עטאבילירן, שוין פארמאגט געבויטע שאסייען, גאסן, הייזער או"וו, וואס דאס וואלט איינגאנצן איינגעשפארט דעם פארצווייגטן פראיעקט פון **"בויען א שטעטל"**. אבער דער רבי זצ"ל האט קלארגעשטעלט אז **נישט צו דעם צילט ער!** נאר ער איז ארייננגעטאנצן אין אן אייגנארטיגן הייליגן פראיעקט, אויפצובויען א שטעטל פונדאסניי א פראיעקט וואס האט אים אפגעקאסט אומגעהויערע געלטער, אומבאגרייפליכע כוחות, צער און עגמת-נפש און אים געקאסט דאס געזונט, פשוטו כמשמעו.

**[דאס איז זייער נישט אקוראט, מפי עדותם פון עלטערע חסידים און נאנטע מקורבים פון כ"ק אדמו"ר מסקווירא זצוק"ל, איז באקאנט אז דער רבי זי"ע האט דוקא יא געוואלט ערגעץ אין געגענט פון מאנסי, צו קענען זיין נעבן בית מדרש עליון. מען האט קודם געהאנדלט אף א שטח אין צענטער פון מאנסי, סמוך ונראה צום היינטיגן כתר ווילעדזש, און ער האט די לעצטע מינוט באקומען אן אפפער פארן שטח פונעם הייטיגן שיכון סקווירא וועלכע איז געווען א פערטל די פרייז, און עטליכע מאל אזוי גרויס, האט די רבי באשלאסן דאס צו נעמען. אלע נאנטע האבן אים שטארק אפגערעדט אז עס וועט זיין פיל שווערער אויפצושטעלן א שטעטל אין א מדבר**

**שממה, אבער די רבי האט גע'ענטפערט אז ער דארף שאפן דאס געלט דערפאר, און אז דאס איז פיל גרעסער פאר פיל ביליגער, וועט ער דאס נעמען!**

**עס האט נישט געהאט קיין שום שייכות מיטן פאקט אז עס איז אפגעזינדערט!**

**פונקט פארקערט ער האט גע'טענה'ט אז דער פאקט אז עס איז נישט צו ווייט פון מאנסי וועט עס מאכן גרינגער]**

**ב]** אויבנאויף קען עמיצער - בפרט פונעם יונגערן דור - פרעגן און וואונדערן, פארוואס דווקא אן ארץ לא זרועה? **פארוואס דווקא אן "אייגן שטעטל"?** זענען דען נישט פארהאן גענוג ערליכע לכתחילה'דיגע אידן, יראי השם וחושבי שמו, אין אלע אידישע געגנטער מדן ועד באר שבע?!?

אמת. אוודאי און אוודאי זענען איבעראל פארהאנען היימישע ערליכע חסידישע קהילות, כולם אהובים וברורים וכו'. פארט אבער, איז נישט קיין סוד אז בכל מקומות מושבותיהם זענען אידישע קינדער פיל מער אויסגעשטעלט צו פארשידנארטיגע נסיונות און בייז-ווינטן וואס דרינגען אלץ אריין פון די **דרויסנדיגע אמעריקאנע גאס**, וועלכע ציעט צו פראסטקייט און הפקירות, און דאס פאדערט נאכאנאנד אומגעהויערע מיה און פלאג פון רבנים, עלטערן און מחנכים זיך צו ספראווען דערמיט. נאר א דאנק אט-דעם **פריערדערמאנטן עקשנות'דיגן החלטה**, האט דער רבי זצ"ל מצליח געווען אוועקצושטעלן אן אייגן מקום, **אן ערליך שטעטל**, אויף א ריינעם שטייגער, וואו מ'קען אסאך גרינגער פארמיידן די פארשידנארטיגע מכשולות און פראבלעמען. א דאנק דעם איז ערמעגליכט געווארן - אויף א לייכטערן פארנעם - מחנך צו זיין אונזערע קינדער, בחורים און יונגעלייט אויפן וועג ווי ער האט באגערט, און אוועקשטעלן אן איידעלען מקום, אויסגעהאלטענע ריינע גאסן, געשעפטן און הייזער. (1)

נאכמער האט זיך עס ארויסגעשטעלט אין די לעצטערע יארן, ווען די נסיונות בענייני קדושה, ווי **טעכנאלאגיע און צניעות**, האבן אזויפיל אריינגעבראכן אינעם חומת היהדות. א דאנק די אפגעזונדערטע אטמאספער, האלטן זיך די שטעטל-איינוואוינער פאראייניגט באגודה אחת, איש את רעהו יעזורו זיך אנצוהאלטן על דרך ישראל סבא. דאס עפנט דעם וועג פאר **אנדערע היימישע קהילות** אריינצוברענגען א התעוררות און אויפצוטון גדולות ונצורות אין די הינזיכטן, **לעשות נחת רוח לבורא יתברך שמו.**

**[דער לעצטער פאראגראף איז אביסל אומפארשטענדליך. צו מיינט דאס אפשר צו זאגן אז קהילת סקווירא, פון שיכון סקווירא, איז געווען די וואס האבן אנגעהויבן די מלחמה קעגן די היינטיגע טעכנאלאגיע און אלע אנדערע קהילות האבן פון זיי געלערנט דעם וועג? איך האף אז נישט דאס מיינט עס (כאטש עס קוקט אויס אז יא), ווייל דאס איז דאך א פשוט'ער געלעכטער צו זאגן אזוי, והמפורסמות אין צריכין ראי']**

המפורסמות אין צריכין ראיה. די ריינע גאסן אין שטעטל, די איידעלע פענימער פון די קינדער, בחורים און יונגעלייט, די באשיידענע פרויען און מיידלעך - דינען אלס די **שטערקסטע עדות** דערויף. און יעדער פארשטייט געוויס אז דאס קומט נישט פון זיך אליין... יארן-יארן פון אימערמידליכע הארעוואניע איז אריינגעלייגט געווארן צו קענען אנהאלטן דעם הויכן סטאנדארט און אויפציען אזעלכע **לעבעדיגע דורות** אויך אין די 2020 יארן. (2)

זעלבסט-פארשטענדליך, אז דאס אנהאלטן אט-די הייליגע חומות איז נישט קיין פארטייאישע אנגעלעגנהייט **[אמת ויציב ונכון]** און איז אויך נישט עפעס וואס מען קען - אדער מ'מעג - סיי ווען מוותר זיין **[חלילה וחס]**, נאר איז עפעס וואס איז נוגע צום שווארץ-אפל און סאמע הארץ-פינטל פון טויזנטער פאמיליעס **[אמת, נישט נאר אין שיכון סקווירא, נאר פון ערליכע אידן איבער די גאנצע וועלט]**. עס רעדט זיך פון שיצן אויפן לעבנס-פראיעקט פון רבינו זצ"ל און דעם ערשטן דור מייסדי הקריה, אן אינוועסטירונג פון צענדליגער יארן הארעוואניע דורך רבותינו הקדושים, כוחות עצומות און מיליאנען דאלארן פון אונזערע עלטערן און זיידעס, פאר אונזערע העכסטע ווירדן. (3)

**ג]** מי כעמך ישראל! אין די לעצטערע יארן, מיטן בליה און וואוקס פונעם היימישן אידנטום, ווען דער היימישער ציבור האט זיך אנגעהויבן אויסשפרייטן אין די געגנטער ארום מאנסי, איז באלד געווען קענטיג ווי אידן (הייזער-קויפער און פארקויפער צוגלייך), רעכענען זיך מיט די מייסדים און איינוואוינער פונעם קריה און גייען ליבערשט צו ווייטערע געגנטער. (4) אידן מאמינים בני מאמינים, וואס גלייבן אינעם כוח פון די **צדיקים בעלמא דקשוט הקרויים חיים** און זענען כסדר מתפלל אויף קברי צדיקים וכדו', האבן פארשטאנען און געשפירט דעם פשוט'ן אחריות אז **ווען מ'בויעט און מ'באנייעט א אידישע שטוב - א צייט וואס מ'זוכט זכותים און סגולות פאר השראת השכינה - זאל עס ח"ו נישט געטון ווערן אויף א וועג וואס קען זיין אפילו נאר א חשש דחשש פון א פגיעה אין דעם רצון און מטרה פונעם רבי'ן זצ"ל**, וואס איז נישט קיין קינדער-שפיל.

**[קען זיין, אבער פיל מער אידן האבן פשוט מורא געהאט נישט זיך און געוואלט אנהייבן, מורא האבנדיג פאר די פיזישע נאכפאלגן]**

און נאר א דאנק אט-די אויסגעהאלטענע מענטשליכע צוגאנג

**[מענטשליך, קען זיין, אבער אויסגעהאלטן איז עס זיכער נישט. סיי געזעצליך און סיי הלכה'דיג. איינטיילן יענעם וואו ער מעג זיך ציען און וואו נישט איז אויסדרוקלעך נישט אויסגעהאלטן]**

שטעלט זיך טאקע ארויס אז אין די צייט וואס אנדערע נייערע געגנטער צעוואקסן זיך בליץ-שנעל לשמחת כל בני ישראל, איז אנדערש די מציאות דאהי, ווייל קיינער זוכט נישט אוועקצושטעלן א לעבן אויף יענעמ'ס חשבון - טראץ וואס מ'קען פארדינען דערפון הרחבת הדעת. (5)

ליידער, צום גרויסן ווייטאג, האבן זיך געטראפן איינצלנע וואס האבן, מיט א חשבון צו שפארן אפאר טאלער, איגנארירט דאס אלעס אויבנדערמאנטע [ווערנדיג פארפירט דורך א יונגערמאן, א יחיד], אנברענגענדיג א **דירעקטן געפאר פארן עתיד פון**

**שטעטל.** איבערהויפט ווען ס'איז געגרינדעט געווארן א שול דורך א רב א בנש"ק. און א "שולי" איז נישט קיין פרט. דאס מציאות ווייזט אז א שול אין א נייע געגענט דינט אלס **הויפט מיטל** און **צענטערפונקט** צו קענען צוציען נאך אנדערע [אט-דאס טאקע איז דער מאטיוו פארוואס דער זעלבער אויבנדערמאנטער יחיד האט אזויפיל פארארבערט אהערצוברענגען א שול]. (6)

**[עס איז וויכטיג צו באטאנען, אז דער בריוו טוט אביסל פארטוישן דער "רבים" מיטן "יחיד".**

**דער "רבים" איז גאנץ כלל ישראל וועלכע ברעכן זיך שוין קאפ מיט א דירות קריזיס, אז א געווענליכער ארבייטער אדער כלי קודש האט נישט וואו צו קויפן א הויז פאר א צוגענגליכער פרייז.**

**און דער "יחיד" זענען געציילטע יחידים המשתלטים על הציבור, וועלכע האבן צוליב פריוואטע אינטערעסן, באשלאסן צו האלטן אידן אוועק פון זיך, און אנשטאט דעם אריינברענגען די נידעריגסטע באשעפענישן וועלכע זאלן פארפעסטיגן דעם הייליגן אטמאספער פון אלע פיר זייטן.]**

ד] איבעריג צו זאגן אז אריינצוקומען אינעם שטעטל, דארף מען נישט קיין פאספארט... ווען אנדערע ווערן צוגעצויגן צו דעם געגענט, באדייט דאס אז זיי הייבן זיך אן באנוצן מיט די געשעפטן, סערוויסעס או"וו אינעם שטעטל. כמובן, האט דאס **א דירעקטע און אומדירעקטע השפעה אויפן שטעטל אטמאספער.** מען באגעגנט זיך מיט נייע ערשיינונגען און פרעמדע מושגים, אין העכסטן קאנטראסט צו אונזערע ווירדן.

**[אמת אמת, דערפאר טאקע האבן מיר זיך גאר שטארק געוואונדערט, וואו שוין דערמאנט, אויף דעם זאל און אויף דעם מעדיקל צענטער. און יא, אויך אויף אם בישראל. און בכלל אויף אלע סארטן געסט וואס מען האט כסדר, און בשיטה, געברענגט קיין סקווירא ביי אלע געלעגנהייטן]**

**די טויזנטער תושבי השיכון שטייען און פרעגן מיט ווייטאג:** (7) אונז און אונזערע עלטערן האבן אזויפיל אוועקגעגעבן אלע יארן, אזויפיל מוותר געווען, אבי צו קענען אנהאלטן א חסידישן לעבנס-שטייגער אין אונזערע שטיבער, שטעטל-גאסן און געשעפטן. מיר ווילן נישט אונזערע קינדער זאלן זיך טעגליך באגעגענען מיט אזוינע ערשיינונגען פון וואס אונזערע עלטערן זענען אנטלאפן (8), מיר דארפן נישט דא קיינע רעסטוראנטן (נישט אין שטעטל, און אפילו נישט א גאס נעבן שטעטל)

**[רבינו שליט"א איז אלעמאל געווען גאר שארף קעגן רעסטעראנטן. ביי אונז אין געגענט (איבער א מייל אוועק, 1.9 מייל צו וואקן אדער פארן) איז נישט פארהאן קיין איין רעסטעראנט. די איינציגסטע רעסטעראנט אינעם געגענט פון סקווירא איז גאר אויף די אנדערע זייט פון שטעטל און האט נישט קיין שום זיק און שייכות צו הילקרעסט]**

און מענער-און-פרויען שפאצירערייען אד"ג **[נונו, כאפט נאר א שפאציר אין די גוי'אישע גאסן ארום דעם שטעטל סתם, סיי וועלכען ביינאכט...]**. פארוואס זאל איינער אנברענגען אזא דירעקטע הירוס צו אונזערע יסודות? **[פארוואס טאקע? מיר זוכן אויך דעם ענטפער]** **פארוואס זאל עמיצער ווילן שטיצן אדער צוהעלפן צו עפעס וואס איז אונז גורם אזויפיל עגמת-נפש און ווייטאג???**

**[ווער וויל דאס טאקע טון? פארוואס טאקע? דער עגמת נפש האט איר זיך דאך אליין גענומען!]**

**האבן מיר דען נישט קיין זכות קיום? [אוודאי האט איר. דעריבער טאקע פארענטפערט די פראגעס וואס מיר האבן שוין דא פריער געפרעגט!]**

הלכה למעשה: [קיינער נארט זיך נישט. יעדער וואס קען די היינטיגע מצב ווייסט אז די אלע וואס טראגן זיך ארום מיט האס-געפילן צו גדולי ישראל, וועלן געוויס געפינען אין דעם קאמפיין נאך א געלעגנהייט ארויסצודרוקן זייער ווידערווילן צוםווארט "הנהגה" ביי כלל ישראל (9); אזוי אויך די וואס די פריינטשאפט מיטן רעיזער - אדער ענליכע נגיעות שטייט ביי זיי העכער ווי די אויבנדערמאנטע הארבקייטן וועלן זיך אויך נישט צוריקהאלטן. די ווערטער זענען געווידמעט צו די אלע וועלכע זענען יא ביכולת אויסצוטון פארטייאישע גלעזער און קוקן אויפן נושא מיט אן אביעקטיווע השקפה'דיגע בליק, און די אלע וועלכע שטרעבן יא צו זען א כלל ישראל מיט געהויבענע יונגעלייט לשם ולתפארת]. (10)

אויב קומט אייך אנטקעגן א בקשה צו ביישטייערן פאר אזא קאמפיין, נעמט די מינוט און קלערט דורכדרינגליך: **וויל איך האבן א חלק אין עפעס וואס איז גורם אזויפיל עגמ"נ פאר אידישע משפחות? (11) וויל איך זיין א טייל אין עפעס וואס איגנארירט די געפילן און טרעט אויף די ווירדן פון א קהילה שלימה בישראל? (12) וויל איך טאקע נעמען אן אייביגן שותפות אין עפעס וואס טוט דירעקט באדראען דעם מסירות-נפש'דיגן ציל, בלוט, כוחות און שווייס פונעם אבוהון דישראל, מרן רבינו דער סקווערער רבי זצ"ל?!?!** (13)

**החכם עיניו בראשו...** אויב קווענקעלט איר בכלל, מאכט אייך קלאר דאס פאלגנדע: וואס טוט איר אויב די פראפעגאנדע-נעפל פונעם קאמפיין קלארט זיך אויס, און נאכן אריינטראכטן גרינטליך אין די מציאות הדברים, אנערקענט איר אז אייער נתינה איז במציאות א פעולת-הירוס קעגן די מסירות-נפש'דיגע הארעוואניע פון א צדיק גדול וקדוש פונעם פריער'דיגן דור, און [אפי' ס'נאר א קליינע שאנס] דירעקט אדער א גורם צו שעדיגן יארן הארעוואניע פון אנדערע, זיך אפצוהיטן פון נסיונות. וועט איר דען נישט חרטה האבן אויף אייער טאהט, וועט דען שייך זיין דאן צוריקצוציען?!! (14)

*דברים היוצאים מלב:*

***אוהדי וידידי בית סקווירא***